**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/16/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט צען גרענד פרייז געווינער אין 85 מיליאן דאלארדיגער ניו יארק ריינע טראנספארטאציע פרייזעס פראגראם

***נייע טעכנאלאגישע פראיעקטן וואס קענען נאכגעמאכט ווערן וועלן רעדוצירן לופט פארפעסטיגונג און פארברייטערן אפציעס און עלעקטרישע טראנספארטאציע מיטלען אין קאמיוניטיס וואס האבן נישט גענוג סערוויסעס אריבער ניו יארק סטעיט***

***שטיצט קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ציהלן צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050***

גאווערנער האקול האט היינט אנאנסירט צען גרענד פרייז געווינער אלץ טייל פון דעם 85 מיליאן דאלארדיגן ניו יארק ריינע טראנספארטאציע פרייזעס (New York Clean Transportation Prizes) פראגראם צו פארבעסערן ריינע טראנספארטאציע, פארבעסערן באוועגונג אפציעס און רעדוצירן שעדליכע עמיסיעס דורך נייע טעכנאלאגישע טראנספארטאציע לייזונגען. ווערנדיג אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע און פארשונג אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy and Research Development Authority, NYSERDA) אין צוזאמענארבעט מיט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פובליק סערוויס (Department of Public Service) און די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation) — זענען די אויסערוועהלטע פראיעקטן וועלכע זענען ביישפילן וועלכע קענען נאכגעמאכט ווערן טראנספארמאטיווע אינוועסטירונגען אין קאמיוניטיס וועלכע באקומען נישט גענוג סערוויסעס אריבער ניו יארק סטעיט. די אנאנס שטיצט די סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' (Climate Leadership and Community Protection Act, CLCPA) ציהלן צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050 און אז צום וועיניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען זאלן אנקומען שוואכערע קאמיוניטיס.

"איך בין שטאלץ צו מאכן די מערסט-באדייטנדע אינוועסטירונג ביז היינט אין ריינע טראנספארטאציע פאר קאמיוניטיס וועלכע האבן אין די פארגאנגענהייט נישט באקומען גענוג סערוויסעס אין ניו יארק סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פארבעסערן צוטריט צו ריינע טראנספארטאציע אפציעס, אריבערפירן טראקס און באסעס צו נוצן עלעקטריציטעט און שטיצן פראיעקטן וועלכע רעדוצירן לופט פארפעסטיגונג מאדעריניזירט די וועג וויאזוי איינוואוינער און באזיכער קומען צו צו קאמיוניטי סערוויסעס, פארוויילונג און ארבעט געלעגנהייטן בשעת'ן שאפן שיין-באצאלטע דזשאבס, פארבעסערן געזונטהייט און רעדוצירן די השפעות פון קלימאט טויש."

"היינט איז א זיג פאר ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדע אינוועסטירונגען אין פארגעשריטענע ריינע טראנספארטאציע לייזונגען און מאדעלן צו בענעפיטירן היסטאריש-באזייטיגטע קאמיוניטיס", **האט**

**ליוטענאנט גאווערנער אנטאָניאָ דעלגאַדאָ געזאגט.** "דורך דעם ריינע טראנספארטאציע פרייזעס פראיעקט, האבן די גרענד פּרייז געווינער געשאפן פארגעשריטענע פראיעקטן וועלכע רעכענען זיך מיט קריטישע קאמענטארן פון די קאמיוניטי צו אדרעסירן לעכער אין טראנספארטאציע, העלפט שטיצן לאקאלע ריינע ענערגיע דזשאבס און רעדוצירט פארפעסטיגונג אין געגנטער וואס דארפן דאס די מערסטע."

ליוטענאנט גאווערנער דעלגאַדאָ האט געמאכט די אנאנס ביי די צערעמאניע צו פארשטעלן די געווינער וואס איז אפגעהאלטן געווארן ביי די TWA האטעל אין דזשאן פ. קענעדי אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אין קווינס, ניו יארק, נאכפאלגנדיג א פארשטעלונג געשעעניש וואס האט גענומען א גאנצע טאג וואו די פיינעליסטן וועלכע זענען אנאנסירט געווארן אונטער [די ערשטע שטאפל](#) פון דעם פראגראם האבן פארגעשטעלט זייערע פארגעשריטענע טעכנאלאגיע און סערוויס לייזונגען.

**גרענד פרייז געווינער**
אין די צווייטע שטאפל פון דעם פראגראם איז די סך הכל פון  די גרענד פרייזעס געווען 82 מיליאן דאלאר, מיט נאך 3 מיליאן דאלאר געגעבן פאר 17 פיינעליסטן אונטער די ערשטע שטאפל פון דעם פראגראם אין יאנואר 2022 צו פארבעסערן זייערע פארשלאגן מיט פראפעסיאנאלע פלאנירונג אנווייזונגען און קאמענטארן פון די קאמיוניטי. געענדערטע פארשלאגן זענען דאן אריינגעגעבן געווארן אונטער די צווייטע שטאפל פון דעם פראגראם און אין באטראכט גענומען געווארן צו ווערן אויסדערוועהלט צו געווונען א גרענד פּרייז.

[ריינע געגנטער פארמעסט](#):
דריי גרענד פרייזעס פון 10 מיליאן דאלאר יעדע איינס זענען געשאנקען געווארן פאר פראיעקטן וועלכע אדרעסירן לופט פארפעסטיגונג רעדוקציע אויף א גרויסארטיגן פארנעם אין באזייטיגטע קאמיוניטיס.

ניו יארק סיטי:

- ריינע טראנספארטאציע צוטריט פראגראם - אריבערפירן NYC 'דאַלער ווענס' ( Clean Transit Access Program - Electrifying NYC Dollar Vans) אנגעפירט דורך Dollaride
- די בראנקס אטעמט: זיך אויסמשל'ן פונדאסניי א ריינערע האַנטס פוינט ( The Bronx is Breathing: Reimagining a Cleaner Hunts Point) אנגעפירט דורך  Volvo Technology of America — און אונטערשטעטע פירמע פון Volvo Group North America

מערב ניו יארק:

- לייגן מענטשן, פלאץ און פאליסי אין צענטער פאר באפעלאו'ס ריינע טראנספארטאציע צוקונפט (Centering People, Place and Policy for Buffalo's Clean Mobility Future) אנגעפירט דורך Local Initiatives Support Corporation'ס מערב ניו יארק אפיס

[עלעקטראנישע טראנספארטאציע מיטלען פארמעסט](#):
פיר גרענד פרייזעס פון 7 מיליאן דאלאר יעדע איינס זענען געשאנקען געווארן פאר פראיעקטן וועלכע האבן ארויסגעוויזן עלעקטראנישע טראנספארטאציע אפציעס וועלכע ערפילן באדערפענישן פון קאמיוניטיס וואס האבן נישט גענוג סערוויסעס.

לאנג איילענד:

- שטופן פאר ענווייראמענט-פריינטליכע טראנספארטאציע: עלעקטראנישע מייקראָו-שאַטל סערוויסעס אין לאנג איילענד (Electric Micro-Shuttle Services in Long Island) אנגעפירט דורך Circuit Transit Inc. (דורך TFR Holdings Corp.)

מיד-האדסאן:

- פראיעקט צו אריבערגיין צו ברייטע עלעקטראנישע-מייקראָו-באוועגונג (Project MOVER: Moving onto Vast E-Micro-mobility Replication) אנגעפירט דורך EIT InnoEnergy USA

ניו יארק סיטי:

- 'רעד הוּק' ריטשארדזש זאנעם (Red Hook Recharge Zone) אנגעפירט דורך Revel Transit

סאוטערן טיער:

- טאמפקינס קאונטי טראנספארטאציע גלייכקייט און צוטריט פראיעקט (Tompkins County Transportation Equity & Access Project) אנגעפירט דורך Tompkins Consolidated Area Transit

עלעקטראנישע טראק און באס פארמעסט:
דריי גרענד פרייזעס פון 8 מיליאן דאלאר יעדע איינס זענען געשאנקען געווארן פאר פראיעקטן וועלכע האבן דעמאנסטרירט עלעקטריציטעט לייזונגען אדער ערזעצן מיטלמעסיגע אדער שווערע עלעקטראנישע קארן.

מיד-האדסאן, ניו יארק סיטי:

- אריבערפירן פראכט צו עלעקטריציטעט אלץ א סערוויס פאר טראנספארמאציע (Freight Electrification-as-a-Service for Transformation) אנגעפירט דורך CALSTART

ניו יארק סיטי:

- פארשנעלערן ניו יארק אויל צעל באס און הײדראָדזשען אינפראסטרוקטור באנוץ (Accelerating New York Fuel Cell Bus & Hydrogen Infrastructure Deployments) אנגעפירט דורך Krueger Transport
- אריבערפירן סקול באסעס צו עלעקטריציטעט אין די בראנקס (Electrifying School Buses in the Bronx) אנגעפירט דורך New York City School Bus Umbrella Services

**דאַרין מ. העריס, פרעזידענט און CEO פון NYSERDA און קאָו-טשעירפרוי פון קלימאט אקציע קאונסיל (Climate Action Council), האט געזאגט,** "מיר זענען שטאלץ צו האבן אריינגעגאנגען אין א שותפות מיט סטעיט אגענטורן, נייע טעכנאלאגיע און יוטיליטי פירמעס צו שטיצן לייזונגען וועלכע זענען אין פארנט צו איבערקומען טראנספארטאציע שטרויכלונגען אין קאמיוניטיס מיט נישט גענוג סערוויסעס. די לייזונגען וועלכע קענען זיין א מוסטער צו נאכגעמאכט ווערן זענען די בעסטע אין נייע טראנספארטאציע טעכנאלאגיע, און זיי ווייזן ארויס וויאזוי מיר, אלץ פאליסי דורכפירער, טעכנאלאגיע ערפינדער און קאמיוניטי שותפים קענען ארבעטן צוזאמען צו העלפן פארמערן ריינע טראנספארטאציע אפציעס אריבער די עמפייער סטעיט."

**ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפּהיטונג קאמישאנער און קלימאט אקציע קאונסיל קאָ-טשעירמאן, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "געציהלטע באמיאונגען צו רעדוצירן קאר עמיסיעס אין קאמיוניטיס וועלכע ווערן באטראפן מער פון אנדערע דורך פארפעסטיגונג זענען קריטיש צו שאפן א ריינערע טראנספּארטאציע סעקטאר און באשיצן פובליק געזונטהייט. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט זעצט ניו יארק'ס ריינע טראנספּארטאציע פּרייזעס פראגראם פאר צו אינוועסטירן אין ענווייראמענט-פריינטליכע לייזונגען וועלכע קומען נאך די באדערפענישן פון קאמיוניטיס וועלכע באקומען נישט גענוג סערוויסעס, רוקן פאראויס אונזער סטעיט'ס אמביציעזע שעדליכע גאז עמיסיעס רעדוקציע ציהלן וועלכע זענען אויסגערעכנט אין דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ, און זיי רוקן אונזער סטעיט אין די ריכטונג פון א גרינערע, געזונטערע צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס קאמיסיע (Public Service Commission) טשעירמאן, ראָרי מ. קריסטשיען, האט געזאגט,** "איך אפּלאדיר גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע שטיצע פאר נייע טעכנאלאגישע ריינע טראנספּארטאציע און טראנספּארטאציע לייזונגען צו לייזן די דרוקנדע באדערפענישן פון קאמיוניטיס וועלכע באקומען נישט גענוג סערוויסעס. דורך די סטראטעגישע צוזאמענארבעט, פארשנעלערן מיר די סטעיט'ס אריבערגאנג צו א ריינערע טראנספּארטאציע צוקונפט דורך ברענגען צום באנוץ יושר'דיגע לייזונגען וועלכע פארקלענערן קארבאן עמיסיעס, פארבעסערן לופט קוואליטעט און שאפן געזונטערע קאמיוניטיס פאר אלע ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט טראנספּארטאציע דעפּארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז האט געזאגט,** "די סטעיט טראנספּארטאציע דעפּארטמענט איז שטאלץ צו שטיצן און מאכן שותפות'ן כדי צו איינפירן גאווערנער האקול'ס לאנד'ס-פירנדע אגענדע צו באקעמפן קלימאט טויש און די אמביציעזע ציהלן פון דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ. דורך פאראויס-קוקנדע איניציאטיוון ווי דער ריינע טראנספּארטאציע פּרייזעס פראגראם, קענען מיר שטופן פאר גרינערע רייזע מיטלען וועלכע העלפן רעדוצירן קאר עמיסיעס, פארבעסערן לופט קוואליטעט און פארבעסערן פובליק געזונטהייט און קוואליטעט פון לעבן אין קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט."

**טאמאס פאַלקאָן, CEO פון לאנג איילענד פּאווער אויטאריטעט ( Long Island Power Authority), האט געזאגט,** "די לאנג איילענד פּאווער אויטאריטעט איז שטאלץ צו שטיצן גאווערנער האקול'ס אגענדע צו באקעמפן קלימאט טויש דורכן אדרעסירן ריינע טראנספּארטאציע אין קאמיוניטיס ארום די סטעיט וועלכע באקומען נישט גענוג סערוויסעס. דורכן אינוועסטירן אין די איניציאטיוון, וועלן מיר פארזעצן צו שטופן פאר ענווייראמענט-פריינטליכע טראנספּארטאציע, טרייבן קארבאן רעדוקציע אין א סעקטאר וואס איז פאראנטווארטליך פאר כמעט א דריטל פון קארבאן עמיסיעס אין ניו יארק, און מיר וועלן בויען געזונטערע קאמיוניטיס פאר פאמיליעס אריבער לאנג איילענד און אונזער סטעיט."

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר זעצן פאר צו דורכפירן די ציהלן פון דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ, שארט זיך ניו יארק סטעיט ארויף די ארבל צו אדרעסירן די השפעה וואס טראנספּארטאציע סיסטעמען האבן אויף געגנטער. דורכן אינוועסטירן אין ריינע טראנספּארטאציע, אדרעסירן מיר דירעקט איינס פון די הויפט אורזאכן פון קלימאט-טוישנדע עמיסיעס, בשעת'ן פארזיכערן אז ניו יארקער בלייבן מיט אפציעס וויאזוי צו אנקומען פון איין פלאץ צום אנדערן. די גרענטס וועלן שטיצן אונזער עקאנאמיע און אונזער ענווייראמענט."

**אסעמבלי מיטגליד מייקעל קיוּסיק האט געזאגט,** "רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס פון טראנספּארטאציע און טרעפן נייע טעכנאלאגישע לייזונגען צו פארמערן ריינע ענערגיע ווירקזאמקייט איז דאס וואס פעהלט זיך אויס צו נאכקומען ניו יארק סטעיט'ס CLCPA ציהלן. איך גראטוליר די געווינער פון דעם ניו יארק סטעיט ריינע טראנספּארטאציע פּרייזעס פראגראם פאר זייערע שעפערישע געדאנקען און

זייער איבערגעגעבנקייט צו ניו יארק סטעיט צו העלפן פארזיכערן א ריינערע ענווייראמענט פאר אונזער סטעיט'ס צוקונפט."

**רענעי רענאָלדס, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די טריי-סטעיט טראנספארטאציע קאמפיין , האט געזאגט,** "עמיסיעס פון מאטארן זענען א הויפט אורזאך פון אטעמען קראנקהייטן און פריצייטיגע טויטפעלער אין פילע באזייטיגטע קאמיוניטיס. ארויסנעמען מער מענטשן פון קארן און ארויף אויף פובליק טראנספארטאציע איז די מערסטע עפעקטיווע וועג צו באקעמפן לופט פארפעסטיגונג און קלימאט טויש, און עס האט נאך א גרעסערע השפעה ווען טראנספארטאציע איז עלעקטריש. מיר האפן אז די פראיעקטן וועלכע זענען היינט פארגעשטעלט געווארן וועלן אונז ברענגען נאענטער צו א ריינערע, מער ענווייראמענט-פריינטליכע צוקונפט, און מיר גראטולירן די וועלכע זענען אנגעקומען צו די קומענדיגע רונדע."

**קעטי העריס, ריינע קארן און אויל אדוואקאט פאר די נאטורליכע רעסאָרסן פארטיידיגונג קאונסיל (Natural Resources Defense Council), האט געזאגט,** "NYSERDA'ס שטיצע פון ריינע טראנספארטאציע פראגראמען וועט נישט נאר העלפן רעדוצירן טראנספארטאציע עמיסיעס נאר עס וועט אויך העלפן פארבעסערן לופט קוואליטעט און געזונטהייט אין קאמיוניטיס וועלכע זענען אונטער לאסט פון טראנספארטאציע פארפעסטיגונג. אריבערגיין צו עמיסיע-פרייע טראנספארטאציע און פארמערן באוועגונג אפציעס פאר ניו יארקער איז א קריטישע סטראטעגיע פארן פארבעסערן לופט קוואליטעט און די קוואליטעט פון לעבן אין קאמיוניטיס ארום די סטעיט. מיר קוקן ארויס צו זעהן ניו יארק פארזעצנדיג צו שטופן פאר פאליסיס און פראגראמען וועלכע שטיצן א יושר'דיגע אריבערגאנג."

די גרענד פרייז געווינער וועלן געמוטיגט ווערן צו אויפנעמען א פעלאָו אונטער NYSERDA'ס [קלימאט גערעכטיגקייט פעלאָושיפ](#) ווען אפליקאציעס עפענען זיך שפעטער היי יאר. דורך דעם פראגראם קען איין פול-טיים פעלאָו פון די קאמיוניטי וואו יעדע פראיעקט קומט פאר אדער פון א באפעלקערונג וואס האט פריאריטעט אויפגענומען ווערן צו ארבעטן מיט די גרענד פרייז געווונער. NYSERDA און די נאציאנאלע ריינע ענערגיע לאבארעטאריע (National Renewable Energy Lab, NREL) וועלן שטיצן די באמיאונג מיט NYSERDA צושטעלנדיג די פינאנצירונג, דירעקט אדער אומדירעקט, פאר פעלאָו סטיפענדס און די NREL צושטעלנדיג טרענירונג, בילדונג מאטעריאלן, פארשונג און אנדערע שטיצע.

NYSERDA און די פרייז געווינער וועלן אקטיווערהייט נאכפאלגן די פראיעקטן צו מעסטן די השפעה וואס זיי האבן אין פארגלייך צו די געברויכן פון די קאמיוניטי און די ניו יארק סטעיט'ס קלימאט געזעץ ציהלן אין לויף פון די קומעדיגע דריי יאר. יעדע פראיעקט וואס האט געוואונען און די אלגעמיינע פראגראם בכלל וועלן אפגעשאצט ווערן, און רעזולטאטן וועלן מיטגעטיילט ווערן דורך באריכטן און נייעסן אויף די אינטערנעט צו מוטיגן דאס שטופן און נאכמאכן די נייע טעכנאלאגישע טראנספארטאציע מאדעלן.

דער פרייז פראגראם ווערט פינאנצירט דורך יוטיליטי פירמעס וועלכע באלאנגען פאר אינוועסטירער דורך ניו יארק סטעיט'ס 701 מיליאן דאלארדיגער 'EV Make Ready' פראגראם צו פארשטערקערן צוטריט צו טשארדזשינג סטאנציעס, עלעקטראנישע קארן אינפראסטרוקטור און אנדערע ריינע טראנספארטאציע אפציעס, און צו שטיצן גלייכע צוטריט און בענעפיטן פאר באזייטיגטע קאמיוניטיס אויף א נידעריגערע געזעלשאפטליך-עקאנאמישע סטאטוס. די לאנג איילענד פאווער אויטאריטעט איז אריין אין א שותפות מיט די ניו יארק ריינע טראנספארטאציע פרייזעס פראגראם צו פינאנצירן די געווינער אין לאנג איילענד אונטער די עלעקטראנישע טראנספארטאציע מיטלען פארמעסט.

פאר מער אינפארמאציע איבער אלע פראגראם פיינעליסטן, באזוכט ביטע די [ניו יארק ריינע טראנספארטאציע פרייזעס](#) וועבזייטל.

ניו יארק סטעיט'ס 1 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו אריבערפירן איר טראנספארטאציע סעקטאר צו עלעקטריציטעט איז קריטיש צו קענען נאכקומען די סטעיט'ס ברייטע קלימאט און ריינע ענערגיע פלאן. די סטעיט, אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, רוקט שנעלערהייט פאראויס מאסנאמען צו אנקומען דערצו אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט זאלן זיין עמיסיע-פריי ביז 2035, צוזאמען מיט אלע סקול באסעס זייענדיג עמיסיע-פריי דעם זעלבן יאר. רעדוצירן קארבאן עמיסיעס און פארפעסטיגונג פון קארן ברענגט ריינערע לופט און געזונטערע קאמיוניטיס, באזונדערס אין געגנטער וועלכע באקומען נישט גענוג סערוויסעס. א רייע פון אינציאטיוון פארגרעסערן די צוטריט צו עלעקטראנישע קארן און פארבעסערן ריינע טראנספארטאציע פאר אלע ניו יארקער, אריינרעכענענדיג EV Make Ready (EV מאכט גרייט), EVolve NY, די Drive Clean Rebate (דרייוו ריין צוריקצאלונג), די ניו יארק טראק וואַוטשער באלוינונג פראגראם ( New York Truck Voucher Incentive Program), Charge NY און פעדעראלע פינאנצירונג אונטער דעם נאציאנאלן עלעקטראנישע קארן אינפראסטרוקטור פראגראם ( National Electric Vehicle Infrastructure Program).

**ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-בעסטע קלימאט אגענדע איז די מערסטע אגרעסיווער קלימאט און ריינע ענערגיע אונטערנעמונג אינעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א וועג וואס שאפט נייע דזשאבס און טוט ווייטער שטופן פאר א גרינע עקאנאמיע אין די צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון די קאוויד-19 פאנדעמיע. דורך דאס אריינגעשטעלן אין געזעץ דורך דער ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳ האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו גרייכן איר פארלאנגטע ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטריק סעקטאר ביים יאר 2040, אריינגערעכנט דאס שאפן פון 70 פראצענט איבערניציגע ענערגיע ביים יאר 2030, און צו דערגרייכן קארבאן נייטראליטעט לענגאויס דער עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען צו שנעלערהייט פארגרעסערן ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע אויפטרייבונג און אריבערגאנג פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסעיס פון געביידעס, 1.8 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאולער ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 1.6 ביליאן דאלאר אין NY Green Bank (גרינע באנק) פארפליכטונגען. אלעס צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען באלד 158,000 דזשאבס אין ניו יארק׳ס זויבערע ענערגיע סעקטאר אין 2020, א 2,100 פראצענטיגער העכערונג אין דער אויסגעשפרייטער סאלאר-ענערגיע סעקטאר זייט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ים-ווינט ענערגיע ביז'ן יאר 2035. אונטער דעם קלימאט געזעץ וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריט און רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט פון די שטאפלען וואו עס האט געהאלטן אין 1990 ביז 2050, און אין די זעלבע צייט פארזיכערן אז צום וויניגסטנס 35 פראצענט — שטרעבנדיג צו 40 פראצענט — פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען זאלן אנקומען צו קאמיוניטיס וועלכע זענען אין נויט, און צו מאכן פארשריט אין די ריכטונג פון די סטעיט'ס 2025 ענערגיע שפארזאמקייט ציהל צו רעדוצירן די ענערגיע וואס ווערט אויפגענוצט אויפן ארט שפארנדיג 185 טריליאן BTU'ס פון ענערגיע וואס ווערט למעשה גענוצט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418